# אויסגעטרייסלט
# פֿון שלום עליכם

— שאַט! — רופֿט זיך אָן אַ ייִד מיט קײַלעכיקע אויגן. ווי בײַ אַן אָקס, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צײַט אין ווינקל בײַם פֿענצטער און האָט געריכערט און געהערט מעשׂיות פֿון גנבֿות, גזילות, עקספּראָפּריאַציעס. — אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינס, אויך מיט אַ גנבֿה וואָס האָט זיך פֿאַרלאָפֿן בײַ אונדז, און דווקא אין בית־מדרש האָט זיך דאָס געטראָפֿן, און נאָך יום־כּיפּור דערצו! איר מעגט דאָס האָרכן.

אונדזער שטעטל קאַסרילעווקע, — איך בין אַליין אַ קאַסרילעווקער — איז אַ קליין שטעטל און אַן אָרעמס. קיין גנבֿים איז בײַ אונדז נישטאָ. מען גנבֿעט נישט, ס'איז נישטאָ בײַ וועמען וואָס צו גנבֿענען, און ס'איז נישטאָ וואָס צו גנבֿענען, און אָן אַלעמען איז דאָך גלאַט אַ ייִד קיין גנבֿ נישט. דאָס הייסט, אַ ייִד איז אַפֿילו יאָ אַ גנבֿ, נאָר נישט אַזאַ גנבֿ, וואָס זאָל קריכן דורך אַ פֿענצטער, אָדער גיין מיט אַ מעסער יענעם קוילען. דרייען, אויסדרייען, אַרײַנדרייען, פֿאַרדרייען און אָפּדרייען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהיכא־תּיתי: אָבער נישט קריכן יענעם אין קעשענע אַרײַן, מע זאָל אים כאַפּן פֿאַר דער האַנט און מע זאָל אים נאָך דעם באַדאַרפֿן פֿירן מיט אַ געלער לאַטקע אויף דער פּלייצע — דאָס פּאַסט פֿאַר איוואַן זלאָדי, אָבער נישט פֿאַר ייִדן ... שטעלט אײַך פֿאָר, האָט זיך בײַ אונדז אין קאַסרילעווקע געטראָפֿן אַ גנבֿה, און נאָך וואָסער אַ גנבֿה — אַכצנהונדערט קאַרבן אין איין קלאַפּ!

ויהי היום, טרעפֿט זיך אַ מעשׂה, עס קומט צו פֿאָרן צו אונדז אין שטאָט אַרײַן אַן אורח, עפּעס אַ ייִד אַ פּאָדראַטשיק פֿון דער ליטע. פּונקט אום ערבֿ יום־כּיפּור פֿאַר מנחה, שטעלט זיך אָפּ, געוויינטלעך, אויף אַן אַכסניא, לייגט אָפּ דעם קלומיק און לאָזט זיך גיין גלײַך אין שול אַרײַן און טרעפֿט אין אַלטן בית־מדרש. געקומען אין בית־מדרש צו מנחה, טרעפֿט ער די גבאָים בײַ דער שיסל. — „שלום עליכם." — „עליכם שלום!" — „פֿון וואַנען איז אַ ייִד?" — „פֿון דער ליטע." „מה שמכם?" — „וואָס איז אײַער באָבעס דאגה?" — „איר זענט דאָך געקומען אין אַ שול." — „ווּהין דען זאָל איך גיין?" — „ווילט איר מסתּמא בײַ אונדז דאַווענען?" — „אַ ברירה האָב איך? וואָס דען זאָל איך טאָן?" — „גיט־זשע עפּעס אין שיסל אַרײַן." „וואָס דען, אומזיסט וועל איך דאַווענען?"

קיצור־הדבֿר, אונדזער אורח נעמט אַרויס דרײַ זילבערנע קאַרבן און גיט אין דער שיסל אַרײַן, און אַ חוץ דעם — אײנעם חזנס טעלער אַ קאַרב, דעם רבֿ אַ קאַרב, אויף דער תּלמוד־תּורה אַ קאַרב, אין צדקה־טעלער אַ חצי פֿויגל, אַ חוץ וואָס ער האָט צעטיילט די אָרעמע לײַט, וואָס בײַ דער טיר, — זיי זענען פֿאַראַן בײַ אונדז, קיין עין־הרע, אַזוי פֿיל, אַז מע זאָל זיך ווען צולאָזן צו זיי, באַדאַרף מען צעטיילן ראָטשילדס פֿאַרמעגן.

דערזען אַזאַ מין אורח, האָט מען דאָך אים מסתּמא אָפּגעטראָטן אַ שטאָט סאַמע אין מזרח־וואַנט. אײַ, ווּ האָט מען גענומען אַ שטאָט, אַז אַלע שטעט זענען פֿאַרנומען? איז קיין קשיא נישט. למאַי ווּ נעמט זיך אַן אָרט, אַז סע מאַכט זיך אַ שׂמחה, אַ חתונה, אָדער אַ ברית, אַלע זיצן שוין אַרום טיש, פּלוצעם ווערט אַ גערודער — וואָס איז? דער נגיד איז געקומען! קוועטשט מען זיך אַזוי לאַנג, ביז מען מאַכט אַן אָרט פֿונעם נגידס וועגן. קוועטשן זיך איז אַ ייִדישע זאַך: אַז קיינער קוועטשט זיי נישט, קוועטשן זיי זיך אַליין ...

דער ייִד מיט די קײַלעכיקע אויגן שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט דעם עולם, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק עס האָט געמאַכט אויף אונדז זײַן ווייץ, און דערציילט ווײַטער.

— קיצור־הדבֿר, אונדזער אורח האָט זיך באַזעצט אויבן־אָן און האָט געבעטן בײַם שמשׂ אַ שטענדער. אָנגעבויגן זיך איבערן שטענדער, האָט זיך אונדזער אורח צו כּל־נדרי אָנגעטאָן אין טלית און אין קיטל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען, האָט ער געדאַוונט, די גאַנצע צײַט געשטאַנען אויף די פֿיס, זיך נישט צוגעזעצט — פֿון צולייגן זיך שמועסט מען נישט! — ער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿונעם שטענדער אויף קיין מינוט. דער ליטוואַק, סײַדן דעמאָלט, ווען מע האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן שמונה־עשׂרה אָדער פֿאַלן כּורעים ... אָפּפֿאַסטן אַזאַ טאָג און אויפֿשטיין אויף די פֿיס, זיך נישט צוזעצן אַפֿילו — דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק! ... ערשט נאָכן לעצטן בלאָז, אַז ס'איז געקומען צום וואָכעדיקן מעריבֿ, חיים־חנא דער מלמד (דער מעריבֿ קומט חיים־חנא דעם מלמד פֿון קדמונים) האָט זיך אָנגעהויבן ציקלען: „מערי־י־בֿ ערבֿים!" — פּלוצעם הערט זיך אַ געשריי: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!" ... מע טוט אַ קוק — דער אורח ליגט אויף דער ערד און חלשט. מע גיסט אים אָפּ מיט וואַסער, מע מינטערט אים אָפּ — ער חלשט ווײַטער. וואָס איז די מעשׂה? ער האָט

געהאַט מיט זיך, דער ליטוואַק הייסט דאָס, אַבצנהונדערט קאַרבן! וועמען פֿאַרטרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלט אין אַ פֿרעמדער שטאָט? האַלטן זיי בײַ זיך אין קעשענע אום יום־כּיפּור איז עפּעס אויך נישט קיין פּלאַן. האָט ער זיך מישבֿ געווען, זאָגט ער, און האָט זיי אַרײַנגערוקט שטילערהייט אין שטענדער אַרײַן — אַ ליטוואַק קאָן! אַצינד פֿאַרשטייט איר שוין פֿאַר וואָס ער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿונעם שטענדער אויף קיין מינוט? ... נאָר בשעת שמונה־עשׂרה שטיין אָדער בעת כּורעים פֿאַלן האָט, אַ פּנים, דאָס געלט עמעצער אַרויסגעלקחנט.

קיצור־הדבֿר, ער גוואַלדעוועט, ער וויינט, ער לייגט אײַן די וועלט: וואָס וועט ער איצטער טאָן אָן געלט? ס'איז, זאָגט ער, פֿרעמד געלט, ס'איז נישט זײַנס, ער איז נאָר אַ משולח פֿון אַ קאַנטאָר, אַ ייִד אַן אָרעמאַן, זאָגט ער. און אַ מטופּל מיט קינדער, — עס קומט דאָך אים איצטער, זאָגט ער, נאָר נעמען און אַרײַנוואַרפֿן זיך אין וואַסער אַרײַן, אָדער אויפֿהענגען זיך, זאָגט ער, אָט דאָ אין שול פֿאַר אַלעמען אין די אויגן!! ...

דערהערט אַזעלכע דבורים איז דער גאַנצער עולם געבליבן שטיין ווי געליימט, גאָר פֿאַרגעסן, אַז ס'איז נאָך אַ תּענית און מען באַדאַרף גיין אַהיים גיכער זיך אָפּפּאַסטן. ס'איז אונדז געווען אַ בזיון פֿאַרן אורח, אַ חרפּה, אַ בושה פֿאַר זיך אַליין: אַזאַ גנבֿה, אַבצנהונדערט קאַרבן! און ווו? אין בית־מדרש, אינעם אַלטן קאַסרילעווקער בית־מדרש! און ווען? יום כּיפּור! אַזאַ מעשׂה איז ניט געהערט געוואָרן אין דער וועלט!

שמש! פֿאַרשליסט די טיר! — אַזוי האָט געגעבן אַ באַפֿעל אונדזער רבֿ. מיר האָבן אונדזער אייגענס אַ רבֿ, הייסט ער רבֿ יוזיפּל, אַן אמתער, אַן ערלעכער ייִד, אַ כּשרער, אַפֿילו נישט אַזאַ איבערגעשפּיצטער, נאָר אַ מזג־טובֿ, אַ מענטש אָן אַ גאַל. ער האָט אין זיך אַ מאָל אַזעלכע אײַנפֿאַלן, וואָס איר וועט דערויף קיין מאָל נישט פֿאַלן, איר זאָלט זײַן מיט אַבצן קעפּ! פֿאַרשלאָסן די טיר פֿונעם בית־מדרש, רופֿט זיך אָן רבֿ יוזיפּל דער רבֿ צום גאַנצן עולם, און אַליין איז ער בלאַס, ווי די וואַנט, די הענט ציטערן אים און די אויגן ברענען:

— שמעו נאָ, רבותים, הערט צו, ייִדן, ס'איז אַ מיאוסע מעשׂה! אַזאַ מעשׂה איז נאָך נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט, אַז בײַ אונדז אין קאַסרילעווקע, זאָל זיך געפֿינען אַזאַ בעל־עבֿירהניק אַזאַ פּושע־ישׂראל, וואָס זאָל האָבן אַ פּאָטעפּאַלנאָסט צונעמען בײַ אַ פֿרעמדן מענטש, נעבעך אַ טאַטע פֿון קינדער, אַזאַ אוצר מיט געלט, און ווען? אין אַזאַ הייליקן טאָג, ווי יום־כּיפּור, און אפֿשר נאָך צו נעילה — אַזאַ מעשׂה איז דאָך נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט! סע גלויבט זיך מיר גאָרנישט אַז ס'קאָן געמאָלט זײַן אַזאַ זאַך, סע קאָן נישט זײַן בשום ענין ואופֿן! און אפֿשר, אַ קשיא אויף אַ מעשׂה, ייִדן זענען נעבעך זשעדנע אַ קערבל, ובפֿרט אַזאַ אַן אוצר, אַבצן הונדערט קאַרבן, דער יצר־הרע רחמנא ליצלן איז געוואָרן גרויס, טאָמער איז עמעצער פֿון אונדז געשטרויכלט געוואָרן, באַשערט געווען עמעצן נעבעך אַן אומגליק, טאָן אַזאַ אַן עבֿירה אין אַזאַ טאָג, באַדאַרפֿן מיר זען די זאַך חוקר ודורש זײַן, דערגרונטעווען זיך ביזן שורש. הימל און ערד האָבן געשוווירן, אַז דער אמת מוז אַרויף ווי בוימל אויפֿן וואַסער. על כּן, זאָגט ער, באַדאַרפֿן מיר זיך באַזוכן איינס דאָס אַנדערע, באַזוכן, באַטאַפּן, טרייסלען אַלע קעשענעס, פֿונעם ערשטן בעל־הבית, זאָגט ער, ביזן שמשׂ, נישט דורכלאָזן קיינעם נישט. נאַט, ייִדן, טרייסלט מיך!

אַזוי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדזער רבֿ, רבֿ יוזיפּל, און האָט זיך דער ערשטער צעגאַרטלט די קאַפּאָטע און איבערגעקערט אַלע קעשענעס אויף דער לינקער זײַט. און, אויף אים קוקנדיק, האָבן באַלעבאַטים זיך צעגאַרטלט און אויסגעקערט די קעשענעס, און מע האָט גענומען באַזוכן און באַטאַפּן און טרייסלען איינס דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסלען, איז ער געוואָרן אַלערליי געשטאַלטן און האָט אָנגעהויבן טענהן, ערשטנס, אַז דער אורח איז אַ שווינדלער. ס'איז אַ מאַניפֿאָרגע פֿון אַ ליטוואַק, מע האָט בײַ אים קיינער קיין געלט נישט געגנבֿעט, שקר־וכּזבֿ — איר זעט נישט, אַז ס'איז אַ געמאַכטע זאַך? ...

האָט דער עולם אָנגעהויבן נאָך: סטײַטש, באַלעבאַטים האָבן זיך געלאָזט באַזוכן, פֿאַר וואָס זאָל מען לייזער־יוסלען אויסמײַדן? נישטאָ קיין מיוחסים? „באַזוכן! באַזוכן!“ האָט געשריגן דער גאַנצער עולם.

לייזער־יוסל האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן זיך רחמים, מיט טרערן אויף די אויגן, מע זאָל אים נישט באַזוכן. ער האָט זיך געשוואָרן מיט כּל השבֿועות, ער זאָל אַזוי ריין זײַן פֿון שלעכטס, ווי ער איז ריין פֿון דער גנבֿה. נאָר וואָס דען? ס'איז אים אַ בזיון, זאָגט ער, ער בעט מע זאָל רחמנות האָבן אויף זײַנע יונגע יאָרן און מע זאָל אים נישט אָנטאָן דעם בזיון, מע זאָל אים נישט באַזוכן. „טוט מיר“, זאָגט ער, „וואָס איר ווילט, נאָר טרייסלען זאָלט איר מיך נישט!“ ווי געפֿעלט אײַך אַזאַ ימח־שמוניק? ווי מיינט איר, אַ שטייגער, מע האָט אים עפּעס געהערט? געלייגט כּבֿוד? ...

נאָר שאַט! איך האָב אײַך גאָר פֿאַרגעסן דערציילן ווער איז דער לייזער־יוסל. דער דאָזיקער לייזער־יוסל איז אַליין נישט קיין קאַסרילעווקער. ער איז גאָר אַליין פֿון אַלדי שוואַרצע יאָר, נאָר ער שטייט אײַן בײַ אונדז אין קאַסרילעווקע

פֿאַר אַן איידעם. דאָס האָט אים אונדזער נגיד אויסגעקראַצט פֿון ערגעץ. זיך באַרימט, אַז ער האָט דערטאַפּט אַן אבֿן־טובֿ, געהאַנדלט אַ מציאה פֿאַר זײַן טאָכטער, טויזנט בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק און אַ בעל־תּנך, אַ בעל־לשון־קודש, און אַ בעל־חשבון, תּשבורת, מיט אַלגעברע, און אַ כּתבֿאַ־רבאַ, הכּלל מיט אַלע זיבעצן מעלות! געבראַכט צו פֿירן די צאַצקע, איז מען געגאַנגען קוקן אויף חידושים: וואָס האָט דאָ דער נגיד אײַנגעהאַנדלט פֿאַר מציאה. מילא, אַזוי אַ קוק טאָן אויף אים, איז גאָרנישט, אַ יונגערמאַן אַ זכר, נישט קיין מיאוסער יונגערמאַן, נאָר די נאָז אַ ביסל צו אַ לאַנגלעכע, אויגן ברענענדיקע, ווי צוויי קויל פֿײַער, און אַ מויל — פֿעך און שוועבל! מע האָט זיך גענומען מיט אים פֿאַרהערן אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטל פּסוק, אַ שטיקל רמב"ם, דאָס, יענץ — אש להבֿה! ער איז קלאָר, דער הונט, אומעטום, ווי אַ גוי אין אַשרי, ווו מע טוט אים אַ כאַפּ, איז ער אין דער היים! רבֿ יוזיפֿל אַליין האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער מעג זײַן אַ רבֿ בכל תּפֿוצות ישׂראל ... און פֿון די אַלע הײַנטיקע זאַכן שמועסט מען נישט. איר קאָנט פֿאַרשטיין, בײַ אונדז איז פֿאַראַן איינער אַ גאַנצער חקרן, זײַדל רעב שעיהס, אַ רעכטער משוגענער, איז ער אַ הונט אַקעגן לייזער יוסלען! הײַנט זײַן שפּילן אין שאַך פֿאַרמאָגט נישט די גאַנצע וועלט! אַז מע שמועסט אַ גראָטענער!

אַוודאי האָט די שטאָט מקנא געווען אונדזער נגיד אויף אַזאַ תּכשיט, כאָטש אַפֿילו דער עולם האָט געשמועסט, אַז דער תּכשיט איז געכאַפּט אויף דער מעשׂה. דהײַנו? ס'איז נישט געפֿעלן דער עולם, וואָס ער איז צו קלוג (וואָס צו — איז איבעריק) און איז צו פֿיל אַן עניו בײַ זיך, אַ גוטער ברודער מיט עטלעכן באַזונדער, זאַפּאַניבראַט מיטן קלענסטן פֿונעם קלענסטן, עס מעג זײַן אַ בחור, עס מעג זײַן אַ מיידל, עס מעג זײַן אַן אשת־איש ... הײַנט איז נישט געפֿעלן דאָס אַרומגיין זײַנס — פֿאַרטראַכט, קומט אין שול אַרײַן שפּעטער פֿון אַלעמען, טוט אָן דעם טלית און קוקט אין „באר־מים־חיים“, אָדער אין „אבֿן־עזרא“ אַרײַן, די יאַרמלקע פֿון יענער זײַט, און דאַווענען נישט אַ לעק! מע זאָל עפּעס זען אויף אים שלעכטס האָט מען נישט געזען גאָר נישט, געמורמלט האָט מען, אַז קיין גרויסער ירא־שמים איז ער נישט — אַ מענטש מיט אַלע מעלות קאָן נישט זײַן!

כּך הוה. אַז ס'איז געקומען צו לייזער־יוסלען און מע האָט זיך גענומען צום בחור, וואָס איז די מעשׂה, וואָס ער לאָזט זיך נישט באַזוכן — דאָס איז דאָך שוין אַ סימן, אַז דאָס געלט איז בײַ אים! מאַכט ער: לאָז מען אים געבן אַ שבֿועה דאורייתא, לאָז מען אים שנײַדן, בראָקן, בראָטן, ברענען, אַבי נישט טרייסלען די קעשענעס! דאָ איז שוין אונדזער רבֿ יוזיפֿל, כאָטש ער איז אַ מענטש אָן אַ גאַל, אויך אַרויס פֿון די כּלים און האָט זיך צעשריגן אויף אים:

דו אַזעלכער און אַ אַזעלכער! ביסט דאָך ווערט, מע זאָל דיך ווייס איך וואָס! סטײַטש, דו זעסט, סע צאַפּט זיך ייִדן בלוט, אַלע זענען מוחל אויפֿן בזיון און לאָזן זיך באַזוכן, ווילסטו זײַן אַ יוצא מין הכּלל?! ממה־נפֿשך, אָדער זײַ זיך מודה און געב־אָפּ דאָס געלט, אָדער ווײַז די קעשענע! שפּילסט זיך מיט, קיין עין־הרע, אַן עדה ייִדן? מע וועט דאָך דיר דאָ איך ווייס אַליין נישט וואָס!

קיצור־הדבֿר, דער עולם האָט אים גענומען, דעם שיינעם בחור, מע האָט אים אַנידערגעלייגט מיט גוואַלד און מע האָט אים גענומען באַזוכן און באַטאַפּן, טרייסלען אַלע קעשענעס, און מע האָט בײַ אים אויסגעטרייסלט ... אַנו, טרעפֿט וואָס? אָפּגעגריזשעטע ביינער פֿון אַ פֿערטל עוף און אַ פּאָר טוץ נאָך גאָר פֿרישע קערלעך פֿון נאָר־וואָס אויפֿגעגעסענע פֿלוימען! איר פֿאַרשטייט, וואָס פֿאַר אַ חן דאָס האָט געהאַט, אַז מע האָט אויסגעטרייסלט בײַ אונדזער תּכשיט דעם דאָזיקן אוצר? ... איר פֿאַרשטייט, וואָס פֿאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט, און דער שווער זײַנער, דער נגיד, און דער רבֿ נעבעך? ... אונדזער רבֿ יוזיפֿל האָט זיך פֿאַר בזיון אָפּגעקערט אין אַ זײַט, נישט געקאָנט קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. און אַז דער עולם איז נאָך דעם געגאַנגען פֿון בית־מדרש אַהיים אָפּפּאַסטן זיך, האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן פֿונעם אוצר, וואָס מע האָט אויסגעטרייסלט בײַם תּכשיט און מע האָט זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער! נאָר איין רבֿ יוזיפֿל איז געגאַנגען איינער אַליין, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פֿאַרזאָרגט און פֿאַרצרהט, נישט געקאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן, גלײַך ווי מע וואָלט דאָס אויסגעטרייסלט בײַ אים אַליין ...

דער ייִד האָט, ווײַזט אויס, געענדיקט זײַן געשיכטע, וואָרעם ער האָט זיך גענומען צוריק צום רייכערן.

— און דאָס געלט? — האָבן מיר אים אַ פֿרעג געגעבן אַלע אין איין קול.

— וואָסער געלט? — מאַכט צו אונדז דער תּמעוואַטע און בלאָזט דעם רויך.

— וואָס הייסט וואָסער געלט? די אַכצנהונדערט ...

— אַ־אַ־אַ? ציט ער אויס. — די אַכצנהונדערט? פֿאַרפֿאַלן.

— פֿאַרפֿאַלן?

—פֿאַר – פֿאַ – לן!!!